סעפּטעמבער 3, 1938

# אַ דיסקוסיע, וואָס דאַרף אַריינטראָגן מער ליכט

(שמועסן מיט די לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט“)

אין די לעצטע פּאָר וואָכן האָט אויף די שפּאַלטן פון דער „מאָרגן־פרייהייט“ אויפגעפלאַקערט א דיסקוסיע וועגן פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. אָנגעהויבן האָט זי חבר מעינקע קאַץ, איינער פון די אָנגעזעענסטע און טאַלאַנטפולסטע דיכטער פונם לינקן פראָנט. חבר קאַץ האָט געפּרואווט ענטפערן די קריטיקער, וועלכע האָבן אויסגעזעצט געגן אים אויף א זיצונג פון „פּראָלעטפּען“, — ד. ה. ניט געגן אים אַלס דיכטער, נאָר געגן געוויסע עלעמענטן פון זיין פּאָעזיע. חבר קאַץ איז אַרויסגעקומען מיט א שווער־ער באַשולדיגונג, אַז די פּראָלעטאַרישע דיכטער זיינען נישט אויפריכטיג ווען זיי שרייבן אַזוי, ווי זיי שרייבן. ער האָט אַפילו נישט געפּרואווט ציען א דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן די פּראָלעטאַרישע דיכטער אין אַמעריקע און די פּראָלעטאַרישע דיכטער אינם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די פּראָלעטאַרישע שריפטשטעלער פון אַמעריקע האָבן זיך אָפּגערופן מיט א סעריע אַרטיקלען. ביז אַהער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט די חברים מארטין בירנבוים און משה כץ. מאָרגן, זונטאָג, גייט אַן אַרטיקל פון חבר אהרן קורץ. מיר האָבן שוין דערהאַלטן אַרטיקלען פון חבר לעאָן יורמאַן און חבר מעינקע קאַץ אַלס ענט־זר מיר דערוואַרטן אַנדערע.